בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

ראש השנה שנת תשפ"ג לפרט קטן, אין עיר הקודש אומאן יע"א

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים
21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים
רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש
רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד
רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח' צהל 1
**050-412-6101**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**


צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

צו באקומען ווערכנטליך
**דעם ספר,**
**ביטע שרייבט צו:**
smbreslev1212@gmail.com

# דְרָשַׁת תְּקִיעַת שׁוֹפָר יוֹם א׳ דְרֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, בְּעִיר הַקוֹדֶשׁ אוּמַאן יע״א.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בִּימָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת: דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אִין מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה (דַף טז): ״אָמַר רַבִּי יִצְחָק, לָמָּה תּוֹקְעִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה״, פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה? פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: ״לָמָּה תּוֹקְעִין?! רַחֲמָנָא אָמַר תִּקְעוּ!״ וָואס הֵייסְט פַארְוָואס מֶען בְּלָאזְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעהֵייסְן בְּלָאזְן! זָאגְט דִי גְמָרָא: ״אֶלָּא, לָמָּה מְרִיעִין״, דִי קַשְׁיָא אִיז, פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען אַ תְּרוּעָה? פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וַוייטֶער: ״מְרִיעִין?! רַחֲמָנָא אָמַר זִכְרוֹן תְּרוּעָה!״ וָואס הֵייסְט פַארְוָואס מֶען בְּלָאזְט אַ תְּרוּעָה? דִי תּוֹרָה זָאגְט דָאךְ (וַיִקְרָא כג, כד): ׳זִכְרוֹן תְּרוּעָה׳! - פִּירְט דִי גְמָרָא אוֹיס רֶבִּי יִצְחָקְ׳ס קַשְׁיָא: ״אֶלָּא לָמָּה תּוֹקְעִין וּמְרִיעִין כְּשֶׁהֵן יוֹשְׁבִין וְתוֹקְעִין וּמְרִיעִין כְּשֶׁהֵן עוֹמְדִין?״ פַארְוָואס בְּלָאזְט מֶען סֵיי וֶוען מֶען זִיצְט, - פַאר תְּפִלַּת מוּסָף, אוּן סֵיי וֶוען מֶען שְׁטֵייט, - בַּיי דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף, עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: ״כְּדֵי לְעַרְבֵּב הַשָּׂטָן״, צוּ פַארְמִישְׁן דֶעם שָׂטָן.

אִיז רַשִׁ״י מַסְבִּיר: ״שֶׁלֹּא יַשְׂטִין, כְּשֶׁיִּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל מְחַבְּבִין אֶת הַמִּצְוֹת מִסְתַּתְּמִין דְּבָרָיו״, וֶוען דֶער שָׂטָן זֶעט אַז דִי אִידְן הָאבְּן לִיבּ מִצְוֹת, זֵיי בְּלָאזְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַפִּילוּ זֵיי זֶענֶען נָאר מְחוּיָב צוּ בְּלָאזְן אֵיינְמָאל, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְמִישְׁט אוּן עֶר קֶען מֶער נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִי אִידְן.

## מֶען בְּלָאזְט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן!

מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא וָואס דִי כַּוָונָה פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר אִיז; מֶען נֶעמְט דֶעם שׁוֹפָר אִין הַאנְט אוּן מֶען בְּלָאזְט וַוייל ׳רַחֲמָנָא אָמַר תִּקְעוּ׳ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן! מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין טַעֲמִים אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטֵיין, נָאר מִיט דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ אֱמוּנָה, אוּן בִּזְכוּת דִי אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, חֵלֶק א׳, סִימָן לג): ״עַל-יְדֵי אֱמוּנָה הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ״, בִּזְכוּת דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

## מֶען קֶען יֶעצְט פּוֹעֵלְ׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת!

בִּשְׁעַת מֶען גֵייט בְּלָאזְן שׁוֹפָר אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע עֵת רָצוֹן, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק עַל כִּסֵּא רַחֲמִים, אַלֶע מְקַטְרְגִים

אַנְטְלוֹיפְן, זֵיי הָאבְּן מֶער נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶעגְן דִי אִידְן.

מֶען קֶען יֶעצְט פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן, גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי מִינוּטְ'ן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶער זָאל בֶּעטְן זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף. מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אֵיין קְלֵיין וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט אֵיין קְלֵיינֶע תְּפִלָּה קֶען מֶען אַרָאפּ נֶעמֶען גְרוֹיסֶע גְזֵירוֹת.

## מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דִי גְזֵרַת הַחִינוּךְ

אִין אַמֶערִיקָא הַאלְטְן מִיר פַאר אַ גְזֵירָה וָואס דִי רֶעגִירוּנְג ווִיל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן צֶעשְׁטֶערְן דִי חִינוּךְ פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. דַארְף מֶען יֶעצְט - בִּשְׁעַת מֶען גֵייט בְּלָאזְן שׁוֹפָר - בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

## דֶער שׁוֹפָר וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ נָאכְזָאגְן בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים כט, יז): "פֶּן יֵשׁ בָּכֶם שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה", אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שׁוֹפָ"ר; לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז רַשִׁ"י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שׁוֹרֶשׁ פּוֹרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דָאס הֵייסְט אַז וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל קֶענֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

בִּפְרַט דָא אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' זָאל מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אוּן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גֵיין ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ קֶענֶען לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מוֹהֲרָא״שׁ טַייטְשְׁט מִיט דֶעם וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוְוענֶען (שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה): ״בְּסֵפֶר חַיִּים, בְּרָכָה וְשָׁלוֹם, וּפַרְנָסָה טוֹבָה וּגְזֵרוֹת טוֹבוֹת, יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת, נִזָּכֵר וְנִכָּתֵב לְפָנֶיךָ״, מֶען בֶּעט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה טוֹבָה, גְזֵרוֹת טוֹבוֹת, יְשׁוּעוֹת אוּן נֶחָמוֹת״, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר בִּתְנַאי: ״אֲנַחְנוּ וְכָל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל, לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם״, אַז דוּ בֶּעטְסְט פַאר דִיר אוּן אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטֶער אִיד.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוֹיסְרוּפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר: ״אִיךְ בֶּעט מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע ד׳ אַמּוֹת וָואס מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן זָאל עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ!״ לָאמִיר אַרוֹיס נֶעמֶען דִי שִׂנְאָה פוּן אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער! לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן! לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, בִּזְכוּת דֶעם וֶועט מֶען שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת.

## צְוִוישְׁן דִי תְּקִיעוֹת קֶען מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין

דֶער אַרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת רֵישׁ עִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וְעַיֵּן בְּמָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקפד, סְעִיף קָטָן ב) אַז אֲפִילוּ עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה דַף קפו) אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה זַיין כְּדֵי דִי מְקַטְרְגִים זָאלְן נִישְׁט הֶערְן דִי עֲבֵירוֹת, אָבֶּער צְוִוישְׁן דִי תְּקִיעוֹת קֶען מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין מְקַטְרְגִים, אַלֶע מְקַטְרְגִים פַאלְן אַוֶועק בִּשְׁעַת מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען קֶען גֶעבְּן אַפָּאר הֵייסֶע טְרֶערְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דֶער חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, קֶען נָאר וֶוערְן אָפְּגֶעוַואשְׁן אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לָאזְט דֶערְבֵּיי טְרֶערְן, מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף טַעֲנָה׳ן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע? עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן!״ אַז מֶען טַעֲנָה׳ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֱמֶת׳עֶ וֶוערְטֶער וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַאַרְץ, אוּן מֶען לָאזְט דֶערְבֵּיי הֵייסֶע טְרֶערְן, וֶוערְט דִי עֲבֵירָה אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעוַואשְׁן.

## בֶּעטְן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער

לָאמִיר אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, שִׁידוּכִים, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן;

אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵיידֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, מֶען דַארְף יֶעצְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת דִי תְּקִיעוֹת אַז אוּנְז אוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן אַלֶע זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְּן אַז מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן רֶבִּי'ן צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיט אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט, יֶעדֶער אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע יָאר, אָמֵן.

# דְּרָשָׁה מִיטְל נַאכְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, בְּעִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יע״א.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל פוּן מַחְזוֹר עֵת רָצוֹן (נָאךְ תַּשְׁלִיךְ, דַּף תקפ״ב, אוֹת ג).

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: צָרִיךְ שֶׁתֵּדַע, זָאלְסְט ווִיסְן, אֲהוּבִי, בְּנִי, מַיין לִיבֶּער זוּן, שֶׁרַבֵּנוּ ז״ל נָהַג לוֹמַר תּוֹרָה בֵּין הָעַרְבַּיִם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן תּוֹרָה מִיטְל נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שֶׁזֶּה הָיָה אֵצֶל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַיְקָרִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הַנְּקֻדָּה הָעִקָּרִית שֶׁאֵלֶיהָ בָּאוּ, דֶער עִיקָר נְקוּדָה אוֹיף וָואס מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, לְקַבֵּל הַנְהָגָה וְהַדְרָכָה מֵרַבֵּנוּ ז״ל עֵצוֹת וְהִתְחַזְּקוּת אֵיךְ לְהַחֲזִיק מַעֲמָד כָּל הַשָּׁנָה, מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי׳ן עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, שֶׁזֶּה כְּלַל הַתּוֹרוֹת הָאֲרֻכּוֹת הַמּוּבָאוֹת בְּלִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, דָאס אִיז דִי לַאנְגֶע תּוֹרוֹת וָואס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז״ל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וְכֵן מוֹהַרְנַ״תְּ ז״ל הִתְנַהֵג כָּךְ, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, וּבֵאֵר בַּאֲרִיכוּת, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט בַּאֲרִיכוּת, אֶת דִּבְרֵי רַבֵּנוּ ז״ל, דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן, וְחִדֵּשׁ חִדּוּשִׁים נוֹרָאִים וְנִפְלָאִים, הֲלֹא הֵם נִדְפָּסִים בְּסִפְרֵי לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, כִּי עַכְשָׁו בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה צְרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, דְּבָרִים הַנּוֹהֲגִים בַּסְּעֻדָּה הֲלָכָה ד׳, אוֹת ג׳), שֶׁזֶּה סוֹד הַתּוֹרוֹת שֶׁאוֹמְרִים הַצַּדִּיקִים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּעֵת שֶׁמִּתְקַבְּצִים אֲלֵיהֶם, אוּן מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע חִידוּשִׁים וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, וְלָכֵן נוֹהֲגִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, דֶערִיבֶּער פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, לַחֲזֹר אָז מַאֲמַר מִסִּפְרוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ ז״ל, וּמְחַדְּשִׁים בָּזֶה חִדּוּשִׁים נוֹרָאִים וְנִפְלָאִים מְאֹד מְאֹד, אִיבֶּער צוּ׳חַזֶרְ׳ן אַ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי׳ן אוּן מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דֶערוֹיף מוֹרָאדִ׳יגֶע חִידוּשִׁים.

שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא״שׁ: וְלָכֵן, רְאֵה אֲהוּבִי, בְּנִי הַיָּקָר, מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן, לְהִצְטָרֵף אֶל קִבּוּץ קָדוֹשׁ כָּזֶה, גֵיי צוּ אַזַא קִיבּוּץ, שֶׁמְּדַבְּרִים שָׁם דִּבּוּרֵי רַבֵּנוּ ז״ל, וָואס מֶען רֶעדְט ווֶערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן, וּמְבָאֲרִים אֶת תּוֹרָתוֹ לַעֲבוֹדָה וּלְמַעֲשֶׂה, אוּן מֶען אִיז מַסְבִּיר זַיינֶע תּוֹרוֹת אוֹיף לַעֲבוֹדָה וּלְמַעֲשֶׂה, עֶס זָאל נִישְׁט סְתָּם בְּלַייבְּן פְלִיעֶן אִין דִי לוּפְטְן, נָאר עֶס זָאל אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה, וּבְחַר לְךָ מִבֵּין כָּל הַתַּלְמִידִים תַּלְמִיד אֶחָד, זוּךְ אוֹיף צְווִישְׁן אַלֶע תַּלְמִידִים - אֵיין תַּלְמִיד, שֶׁתּוּכַל לְקַבֵּל מִמֶּנּוּ עֵצוֹת רַבֵּנוּ ז״ל, וָואס דוּ קֶענְסְט מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, כִּי בְּוַדַּאי נִשְׁאֲרוּ תַּלְמִידִים וְתַלְמִידֵי תַּלְמִידִים וְכוּ׳, עֶס אִיז זִיכֶער דָא תַּלְמִידִים, שֶׁיְּכוֹלִים

לְהַסְבִּיר אֶת דִּבְרֵי רַבֵּנוּ ז״ל וְאֶת רוּחַ קָדְשׁוֹ, וָואס קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אוּן זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

מוֹהֲרָא״ש בְּרֶענְגְט דָא אַ שְׁטִיקְל וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה׳, אוֹת יב), **וּצְרִיכִים לְהַאֲמִין, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן, שֶׁבְּוַדַּאי נִמְצָאִים אֶחָד אוֹ רַבִּים שֶׁהֵם תַּלְמִידִים**, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אֵיינֶער אָדֶער אַסַאךְ תַּלְמִידִים, **שֶׁקִּבְּלוּ תּוֹרָתוֹ וּדְרָכָיו וַעֲצוֹתָיו וּרְמָזָיו הַקְּדוֹשִׁים**, וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי״ן, **שֶׁיְּכוֹלִים לְהַחֲיוֹת אֶת הַכֹּל**, וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְן לֶעבְּן, **כִּי אֵין דּוֹר יָתוֹם, וּבְוַדַּאי לֹא נִסְתַּלֵּק הַצַּדִּיק עַד שֶׁהִשְׁאִיר אַחֲרָיו בְּרָכָה שֶׁהֵם הַתַּלְמִידִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁלּוֹ, שֶׁהֵם הַחֲלִיפוֹת שֶׁלּוֹ**, דֶער צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט בִּיז עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, זַיינֶע אֱמֶתְ׳עֶ תַּלְמִידִים, **שֶׁכְּשֶׁהֵם מְגַלִּים תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה**, וָואס וֶוען זֵיי זֶענֶען מְגַלֶּה זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת, **הוּא מִתְלַבֵּשׁ בְּדִבְרֵיהֶם, וְהוּא חַי מַמָּשׁ**, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט מַמָּשׁ.

## דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִנְיָן

וְעַל כֵּן, אֲהוּבִי, בְּנִי הַיָּקָר, מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן, **רְאֵה לְהִצְטָרֵף רַק אֶל אֶחָד שֶׁמְּדַבֵּר לַעֲבוֹדָה וּלְמַעֲשֶׂה**, גֵיי נָאר צוּ אַ פְּלַאץ וָואס מֶען רֶעדְט לַעֲבוֹדָה וּלְמַעֲשֶׂה, **וּמְחַזֵּק וּמְאַמֵּץ אוֹתְךָ לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ**, אוּן מֶען אִיז דִיר מְחַזֵּק צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְשֶׁתִּזְכֶּה כָּל הַשָּׁנָה לְטוֹב אֲמִתִּי וְנִצְחִי**, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַ גַאנְץ יָאר נָאר צוּ טוּן גוּטְ׳ס, **לָקוּם בְּכָל לַיְלָה בַּחֲצוֹת**, דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת, **וּלְהִתְפַּלֵּל אָז וּלְהִתְבּוֹדֵד עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ**, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְכֵן תִּתְפַּלֵּל הַתְּפִלּוֹת: שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב, בְּכַוָּנָה גְדוֹלָה וּבְמִנְיָן**, אוֹיךְ אִיז דֶער פְּלַאץ דִיר מְחַזֵּק צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט כַּוָּנָה אוּן מִנְיָן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט: מוֹהֲרָא״ש הָאט יֶעדֶעס יָאר בַּיים ׳קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה׳ גֶערֶעדְט פוּן ׳פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת׳, פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִנְיָן.

מֶען טָאר נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דַאוֶוענֶען; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט טִרְדוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט שְׁוֶועריְקֵייט, אָבֶּער עֶס מוּז זַיין אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, אִיךְ מוּז גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, דָאס אִיז מַיין עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִין טָאג. אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אָפִּיס, אִיךְ הֵייבּ נִישְׁט אָן מַיין טָאג אֵיידֶער אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין שׁוּל אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין אוּן אִיךְ דַאוֶוען; נָאכְ׳ן דַאוֶוענֶען וֶועל אִיךְ אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן.

אַז מֶען שְׁטוּפְּט אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט! נִישְׁט בְּמֵזִיד, נָאר פוּן פַארְשְׁלֶעפְּטְקֵייט, בִּפְרַט אִין דִי ווִינְטֶער טֶעג, אַז מֶען

גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אִיז דֶער טָאג אַרִיבֶּער, עֶס אִיז שׁוֹין דֶער שְׁקִיעָה אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ הַיינְט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן קֵיין תְּפִילִין אוּן גֶעדַאוֶוענְט.

## אַ תִּיקוּן פַאר זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין זֵייעֶר גֶעמֵיינֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעטְן אַ תִּיקוּן, עֶר קוּמְט אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן זָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ תִּיקוּן פַאר זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה וְכוּ', מוֹהֲרָא"שׁ נֶעמְט זַיין תְּפִילִין, עֶר גֶעבְּט עֶס פַאר דֶעם אִיד, אוּן פְרֶעגְט אִים: "דוּ הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעלֵייגְט תְּפִילִין? - נֵיין?! - טוּ אָן תְּפִילִין". דֶער אִיד הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט עֶר קוּמְט צוּ פָארְן צוּם צַדִּיק בֶּעטְן אַ תִּיקוּן, מִן הַסְּתָם וֶועט אִים דֶער צַדִּיק זָאגְן עֶר זָאל שְׁטֵיין אוֹיפְ'ן קָאפּ, עֶר זָאל פַאסְטְן, עֶר זָאל עֶסְן גְרָאז, עֶר זָאל זִיךְ צִיפְּן זַיין קֶערְפֶּער, אָדֶער זָאל עֶר זִיצְן צְווִישְׁן מוּרִיטְשְׁקֶעס, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְּרֶעגְט אִים: "דוּ הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעלֵייגְט תְּפִילִין?"

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַן עִיקָר 'פְּשִׁיטוּת יַהֲדוּת', דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ טוּ אָן תְּפִילִין, טוּ רְצוֹן הַשֵּׁם. דֶער יֵצֶר הָרָע זָאגְט אַלְץ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ: "וָוארְט אַבִּיסְל, בַּאלְד וֶועסְטוּ הָאבְּן בֶּעסֶערֶע מוֹחִין, בֶּעסֶערֶע כַּוָּנוֹת", עֶר שְׁטוּפְּט אַלְץ אָפּ: "שְׁפֶּעטֶער, שְׁפֶּעטֶער, שְׁפֶּעטֶער", מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, גֵיי יֶעצְט דַאוֶוענֶען; זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן. אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גֶענוּג גְרֵייט, אוּן דוּ טְרַאכְטְּסְט אוֹיבּ וֶועסְטוּ אַבִּיסְל וַוארְטְן וֶועסְטוּ מַאכְן אַ שֶׁענֶערֶע טַלִּית אוּן אַ שֶׁענֶערֶע שַׁחֲרִית, - לָאז דָאס אִיבֶּער אוֹיף מִנְחָה, דוּ וֶועסְט מַאכְן אַ שֵׁיינֶע מִנְחָה מִיט אַלֶע כַּוָּנוֹת, אָבֶּער יֶעצְט דַאוֶוען.

דָאס דַארְף מֶען זִיךְ מְקַבֵּל זַיין וֶוען מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ גֵיי זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן.

### צִי נִישְׁט אוֹיס דָאס דַאוֶוענֶען

אַסַאךְ מָאל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶס אִיז דָא פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען צִיט אַזוֹי לַאנְג אוֹיס דֶעם דַאוֶוענֶען אַז מֶענְטְשְׁן ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל, עֶס וֶוערְט זֵיי נִמְאָס דָאס דַאוֶוענֶען. אֲפִילוּ 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה' זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נִישְׁט אִין שׁוּל נָאר צוּלִיבּ דֶעם, וַוייל מֶען דַאוֶוענְט אַזוֹי לַאנְג.

עֶס הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן אִין יְשִׁיבָה, מֶען דַאוֶוענְט אַ שָׁעָה אַ הַאלְבּ, אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּר שְׁטֶעלְן זִיךְ אַוֶועק בַּיים טִיר אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, בִּשְׁעַת דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים הָאבְּן נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף אִים

נָאךְ גֶעבְּן דֶעם טַעַם צוּ דַאוֶוענֶען. דָאס גֵייט אִים נִישְׁט גֶעבְּן אַ טַעַם צוּ דַאוֶוענֶען', פַּארְקֶערְט, דָאס וֶועט מַאכְן עֶר זָאל זוּכְן אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אוֹיסְשְׁפִּילְן דֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן יָא אַרוֹיס גֵיין אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען פַּארְ'ן עָמוּד ראֹשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיךְ הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ בְּלָאזְן שׁוֹפָר; וֶוען נִישְׁט דֶעם - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן שׁוֹפָר אִין דִי הַאנְט צוּ בְּלָאזְן בַּיים רֶבִּינְ'ס קִבּוּץ. הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "פַּארְוָואס דַארְף מֶען אוֹיסְצִיעֶן דָאס דַאוֶוענֶען? פַּארְוָואס דַארְף מֶען מַאכְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן דַאוֶוענֶען, דָאס דַאוֶוענֶען זָאל זַיי וֶוערְן נִמְאָס? - דוּ פֶּענֶיע נִישְׁט, זֶע אַז דָאס דַאוֶוענֶען זָאל זַיין 'מַיְין מְתִיקִין', אַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע דַאוֶוענֶען, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ דַאוֶוענֶען, עֶס זָאל נִישְׁט נֶעמֶען לֶענְגֶער וִוי פוּן אַכְט אַזֵייגֶער בִּיז צְוֵויי אַזֵייגֶער".

## אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט – זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד

פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ פַּארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען - וַוייל מֶען דַאוֶוענְט לַאנְג, אַז דוּ הָאסְט נָאר אֵיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וואוּ צוּ דַאוֶוענֶען אוּן מֶען דַאוֶוענְט דָארְט לַאנְג, שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶוענֶען אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט בִּיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה לָאזְט אוֹיס, קֶענְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, קֶענְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת זֶענֶען אוֹיךְ הִתְבּוֹדְדוּת

עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר, 'הֲיִתָּכֵן אִיךְ רֶעד אַזוֹיפִיל פוּן הִתְבּוֹדְדוּת נָאכְדֶעם וֶועלְן מֶענְטְשְׁן אָנְהֵייבְּן צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב'... אוֹיךְ זֶענֶען עֶלְטֶערְן גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אָפְּרֶעדְן: "מַיין זוּן כִיפֶּערְט אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ", – דֶער עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם אִיז: דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט נִישְׁט הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט וַוייל עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם טַעַם, עֶר פַּארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט וָואס דַאוֶוענֶען אִיז. פַּארְקֶערְט, אַז דוּ וֶועסְט אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ הַשָּׂגָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִיךְ קֶען אַלֶעס בֶּעטְן פוּן אִים, וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט כַאפְּן אַז דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת זֶענֶען אוֹיךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "סְלַח לָנוּ אָבִינוּ כִּי חָטָאנוּ", בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל, "רְאֵה נָא בְעָנְיֵנוּ", קוּק צוּ מַיין פַּיין, "רְפָאֵנוּ", הֵייל מִיךְ אוֹיס, אוּן אַזוֹי

וַוייטֶער.

מֶען זָאגְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ דִי בְּרָכוֹת - "יְהִי רָצוֹן... שֶׁתַּצִּילֵנִי הַיּוֹם וּבְכָל יוֹם מֵעַזֵּי פָנִים וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אִיז דָאס בַּיי אִים דִי שֶׁענְסְטֶע הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רַאטֶעוֶוע מִיר הַיינְט פוּן אַ מִיתָה מְשֻׁנָּה, פוּן שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, פוּן שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְגֶען וְכוּ'". מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס מֶען בֶּעט דָארְט, וָואלְט מֶען עֶס גֶעזָאגְט מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע הִתְעוֹרְרוּת וִוי מֶען זָאגְט יָמִים נוֹרָאִים דֶעם פִּיּוּט "וּנְתַנֶּה תֹּקֶף"! דֶער גַאנְצֶער טָאג לִיגְט דָאךְ אִין דֶעם תְּפִלָּה.

## מַיִין מְתִיקִין אָדֶער מַיִין מְרִירִין

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, עֶר אִיז נִישְׁט פּוֹגֵם בִּבְרִית, אִיז בַּיי אִים דָאס דַאוֶוענֶען אַ גֶעשְׁמַאק, עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן דֶעם, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי 'מַיִין מְתִיקִין' - וִוי זִיסֶע וַואסֶער. אָבֶער אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית; עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַז מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אִין אַ אָפִּיס, מֶען מֵיינְט אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ יֶעצְט, אוּן מֶען קוּקְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן עֲבֵירוֹת, וָואס גֶעשֶׁעט? מֶען שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִין דַאוֶוענֶען, דָאס דַאוֶוענֶען בַּאקוּמְט אַ טַעַם פוּן 'מַיִין מְרִירִין' - בִּיטֶערֶע וַואסֶער, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ טוּן מִצְוֹת, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּיי אִים אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ. דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף דֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין הֵיילִיג בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ".

דָאס דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים דַאוֶוענֶען (שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה): "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים, ... וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים", פוּן וֶועלְכֶע לֶעבְּן רֶעדְט מֶען דָא? "אִיךְ וִויל נִישְׁט לֶעבְּן אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן, דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל דִיר שְׁפִּירְן".

## אֲפִילוּ מֶען אִיז וַוייט פוּן דֶעם, קֶען מֶען בֶּעטְן דֶערוֹיף

מֶען מוּז זִיךְ מְקַבֵּל זַיין דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, 'אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן!' אוּן אַז עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער, וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גוּטֶער אִיד, אַ וואוֹילֶער אִיד, אִיךְ וִויל גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין

דַאוֶוענֶען".

דָאס אִיז דִי מַעֲלָה בַּיים רֶבִּי'ן, אַז אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הֶער וָואס אִיךְ דַארְף טוּן אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ וַוייט פוּן דֶעם, אִיךְ בִּין וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, פוּן תּוֹרָה, פוּן תְּפִלָּה, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, קֶען אִיךְ אָבֶּער בֶּעטְן דֶערוֹיף: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הַאלְטְן בַּיי דֶעם", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין דֶעם"; "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ ווִיל טְרַאכְטְן פוּן דִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ ווִיל הָאבְּן זוֹיבֶּערֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן**". דָאס אִיז דֶער מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וואו וַוייט אִיךְ בִּין פוּן אַלֶעס, קֶען אִיךְ בֶּעטְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף מַיין פָּשׁוּטְ'עֶ שְׁפְּרַאךְ.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' וֶוערְט אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער מֶענְטְשׁ! פַאר מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר מֶען הָאט דִי אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אִיז מֶען אִין אַן אֵייגֶעגֶער גָלוּת, מֶען אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען נָאר צוּ טְרַאכְטְן: 'וָואס זָאגְט דֶער אוֹיף מִיר', אוּן 'וָואס זָאגְט יֶענֶער אוֹיף מִיר', 'וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיף מִיר' אוּן 'ווִי אַזוֹי קוּקְט מֶען מִיר אָן', - דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט פַארְדְרֵיידְט, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט עֶר אָן צוּ טְרַאכְטְן: 'אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נָאר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל נָאר טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם'.

## זוּךְ אַ פְּלַאץ וָואס קֶען דִיר מַאכְן לֶערְנֶען

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ וַוייטֶער: וְתַתְמִיד בְּיוֹתֵר בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, זוּכְט דִיר אַ פְּלַאץ וָואס וֶועט דִיר מַאכְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וְתִזְכֶּה לִהְיוֹת בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה: מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מִדְרָשׁ, הֲלָכוֹת, אַגָּדוֹת, בְּרַייתוֹת וְתוֹסֶפְתּוֹת, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, צוּ מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מִדְרָשׁ, הֲלָכוֹת, אַגָּדוֹת, בְּרַייתוֹת אוּן תּוֹסֶפְתּוֹת מִקְרָא.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: זוּךְ אַ פְּלַאץ וָואס קֶען דִיר מַאכְן לֶערְנֶען לְעֲבֹדָה וּלְמַעֲשֶׂה, דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ, אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה לֵייגְט מֶען צוּ רַשִׁ"י, אָבֶּער קוֹדֶם הֵייבְּט מֶען אָן מִיט חוּמָשׁ אוּן תַּרְגוּם, אַז מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז שׁוֹין שְׁטַארְק אִין חוּמָשׁ אוּן תַּרְגוּם, עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ יָאר אוּן מֶען הָאט יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען, קֶען מֶען אוֹיךְ צוּלֵייגְן רַשִׁ"י.

## ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת

זוּךְ אַ פְּלַאץ וָואס קֶען דִיר מַאכְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא. דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", דָאךְ אִיז דִי תּוֹרָה אַזוֹי שְׁטַארְק, דִי תּוֹרָה קֶען אַרוֹיס צִיעֶן אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶעם פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע".

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

## מֶען קֶען לְכַתְּחִילָּה זָאגְן

אִיךְ הָאב גֶערֶעדְט מִיט אַ בָּחוּר, זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר פַאלְט אַרָאפּ וְכוּ', הָאב אִיךְ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נֶעמֶען דֶער סְגוּלָּה פוּן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט אִים אָפְּקִילְן פוּן זַיין יֵצֶר הָרָע.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ תַּשְׁלִיךְ קוּמְט דֶער בָּחוּר מִיר פְרֶעגְן, אוֹיב דֶער סְגוּלָּה אַרְבֶּעט נָאר אוֹיב מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא אָדֶער נִישְׁט, אָדֶער אֲפִילוּ מֶען זָאגְט לְכַתְּחִילָּה דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין,

– זֶע אִיךְ אַז אִיךְ רֶעד נָאכְנִישְׁט גֶענוּג קְלָאר, וֶועל אִיךְ עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן: נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן 'זָאגְן' דִי וֶוערְטֶער: "מֵאֵימָתַי קוֹרִין אֶת שְׁמַע בְּעַרְבִית..." – נִישְׁט 'לֶערְנֶען', מֶען קֶען לְכַתְּחִילָה, לְמְהַדְּרִין מִן הַמְּהַדְּרִין, לְמִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן 'זָאגְן' דִי וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע!"

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לַאכְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער אִין חֵדֶר וָואס קֶענֶען נִישְׁט גוּט עִבְרִי, זָאגְן זֵיי שְׁטִיל עִבְרִי כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט לַאכְן פוּן זֵיי, (מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט צְווִינְגֶען צוּ זָאגְן הוֹיךְ); דָאס אִיז וֶוען מֶען לֶערְנְט פַאר מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶערְנְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מֶען לֶערְנֶען הוֹיךְ אֲפִילוּ מֶען מַאכְט טָעוּתִים, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לַאכְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נִישְׁט קֵיין חִילוּק ווִי אַזוֹי מֶען זָאגְט, מִיט טָעוּתִים אוּן אָן טָעוּתִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא, אַ תְּהִלִּים אָדֶער סַיי וֶועלְכֶע הֵיילִיגֶע סֵפֶר אוּן עֶר לֶערְנְט, אֲפִילוּ מִיט גְרַייזְן.

דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ 'זָאגְן' יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, 'לְשֵׁם זָאגְן'! – וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, דִי תּוֹרָה וֶועט אִים מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה.

## דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ אוֹיסְהֵיילְן!

דִי עֵצָה פוּן מִשְׁנָיוֹת הֶעלְפְט אוֹיךְ פַאר אַלֶע סָארְט זַאכְן וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן; הַיינְט אִיז אַ וֶועלְט וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן 'יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ', מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען דֶערשְׁרֶעקְט זִיךְ אַלֵיינְס, אַנְשְׁטָאט אַ מֶענְטְשׁ זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין לֶעבְּן, שְׁלָאגְט עֶר זִיךְ מִיט שְׁרֶעק אוּן פְּחָדִים, 'הָאסְט גֶעהֶערְט? דִי וֶועלְט גֵייט חָרוּב וֶוערְן!' – נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקְקֵייט, וֶועט דִיךְ דִי תּוֹרָה אוֹיסְהֵיילְן!

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן טַאקֶע גֶעטְרָאפְן דֶעם פְּלַאץ 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' וואו מוֹהֲרָא"ש אִיז אוּנְז מְחַזֵּק צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת.

## פְרֵיי זִיךְ דַיינֶע מִצְוֹת

שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש וַוייטֶער: וּתְקַיֵּם אֶת מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה כָּל

הַשָּׁנָה, זוּכְט דִיר אַ פְּלַאץ וָואס וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה.

דֶער רֶבִּי בְּרֶעגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ פְּרֵייעֶן מִיט מִצְוֹת; פְּרֵיי זִיךְ מִיט דַיין תְּפִילִין, פְּרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צִיצִית, פְּרֵיי זִיךְ מִיט דַיין שַׁבָּת, פְּרֵיי זִיךְ מִיט דַיין בָּארְד, פְּרֵיי זִיךְ מִיט דַיין פֵּיאוֹת, פְּרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים. פַארְוָואס שְׁנַיידְסְטוּ דַיין בָּארְד? וֶועמֶען ווִילְסְטוּ גֶעפֶעלְן? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַלֶע צַדִיקִים זָאגְן ווִי שֵׁיין עֶס אִיז צוּ גֵיין מִיט אַ בָּארְד!

## קְיוּט אִיז וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה". אַז דוּ דַארְפְסְט פַּרְנָסָה, - אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן גֶעמַאכְטֶע פַּרְנָסָה אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַיינְרֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט, אוּן בֶּאֱמֶת זִינְקְסְטוּ אִין חוֹבוֹת, אִיךְ רֶעד פוּן אֱמֶת'עֶ פַּרְנָסָה, רִיכְטִיגֶע עֲשִׁירוּת, צוּזַאמֶען מִיט שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, - רִיר נִישְׁט אָן דַיין הֵיילִיגֶע בָּארְד, דַיין דְיוֹקְנָא קַדִישָׁא, וֶועסְטוּ הָאבְּן עֲשִׁירוּת, אַז דוּ שְׁנַיידְסְט דַיין בָּארְד שְׁנַיידְסְטוּ אָפּ דַיין גֶעלְט!

אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס שְׁנַיידְן זִיךְ דִי בָּארְד, וַוייל זֵיי ווִילְן זַיין קְיוּט, - אִיךְ זָאג אַלֶץ פַאר בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וֶוען עֶס הֵייבְּט זֵיי אָן צוּ וַואקְסְן אֵיין צְוֵויי הָארֶעלֶעךְ פוּן דִי בָּארְד: "אָהָ, יֶעצְט הֵייבְּסְטוּ שׁוֹין אָן צוּ וֶוערְן זִיס!" אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער אִיז אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בָּארְד (יְבָמוֹת עט:), קְיוּט אִיז - וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט זַיין שֵׂכֶל

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט זַיין שֵׂכֶל". וָואס אִיז שֵׂכֶל? שֵׂכֶל אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (אֵיכָה ב, יט): "שִׁ'פְכִי כַ'מַּיִם לִ'בֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'", אַז מֶען גֵייט מִיט דִי הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פוּן אוּמַאן אוּן אוֹיף יוֹם טוֹב.

## קֶען מֶען נִישְׁט זֶען פוּן פָארְאוֹיס

אִיךְ וֶועל ווִיסְן אַז אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי עֶק וֶועלְט, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין פְּרָאבְּלֶעם, אִיז עֶס נָאר נָאךְ אַ גַל, נָאךְ אַ כְוַואלְיֶע, וָואס אִיךְ דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין, אוּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ

יְשׁוּעָה אֲפִילוּ אִיךְ זֶע נָאכְנִישְׁט ווִי אַזוֹי דֶער יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען.

מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן דָאס הֵיילִיג וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (תּוֹרַת מֹשֶׁה כִּי תִשָּׂא, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְרָאִיתָ הב׳), ווען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אִיךְ וויל זֶען דַיין פָּנִים״, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט (שְׁמוֹת לג, כג): ״וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ״, טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַזוֹי: אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט ׳וָואס וֶועט זַיין? פוּן וואו וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן מַיינֶע חוֹבוֹת? ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען בַּאצָאלְן אִין גְרָאסֶערִי?׳ זָאגְט דֶער פָּסוּק: ״וְרָאִיתָ - אֶת אֲחֹרָי״, קוּק אוֹיף צוּרִיק, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר בִּיז יֶעצְט - וֶועסְטוּ מִיר זֶען, - ״וּפָנַי - לֹא יֵרָאוּ״, ׳וָואס וֶועט זַיין?׳ אוּן ׳ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה?׳ דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען פוּן פָאַרְאוֹיס, עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען מֶען קוּקְן אוֹיף צוּרִיק אוּן זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר מַיין וַוייבּ: מִיר קוֹיפְן שׁוֹין אֵיין פַאר אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אִין גְרָאסֶערִי אוּן מִיר הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג בַּאצָאלְט, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַלֶע יָארְן גֶעקוֹיפְט שִׁיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, יֶעצְט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נַייעֶ פַאל וָואס מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט ווִי אַזוֹי מִיר וֶועלְן הָאבְּן גֶעלְט, עֶס זֶעט אוֹיס גֶעפֶערְלִיךְ, דַארְפְן מִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען אִין אַלֶע יָארְן בִּיז יֶעצְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַלֶעס גֶעגֶעבְּן - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ הָאבְּן אוֹיף וַוייטֶער.

אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: ׳פוּן וואו וֶועל אִיךְ הָאבּ גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב? אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶענִיצְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן, פוּן וואו וֶועל אִיךְ הָאבּ גֶעלְט צוּ קוֹיפְן שִׁיךְ אוּן קְלֵיידֶער?׳ - מֶען קֶען נִישְׁט זֶען וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן, אָבֶּער אוֹיף צוּרִיק זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט, עֶר גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט מִיר אַלֶעס, וֶועט עֶר מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן אִין דֶעם פַאל.

## גֵיי אַרוּם מִיט אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע! מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר אוֹיס גֶעלֶערְנְט: ״גֵיי אַרוּם מִיט אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאל מֶען כָאטְשׁ מֵיינֶען אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט!״ אַ אִיד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא״ש הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווייל עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ בִּקְדוּשָׁה וְטָהֳרָה אוּן דִי מַלְכוּת הַמִּינוּת הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֶעכְצְן יָאר תְּפִיסָה, אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּ אַן עוֹשֶׁר [עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶכְטֶע עֲשִׁירוּת, אַן עוֹשֶׁר מֵיינְט

נִישְׁט אַז מֶען הָאט גֶעלְט פַאר פֶערְצִיג פוּפְצִיג יָאר... דֶער עוֹשֶׁר הָאט פַאר לַאנְגֶע יָארְן גֶעהַאט אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשָׁאקְלְט דִי וֶועלְט, אָבֶּער סוֹף יָמָיו אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין תְּפִיסָה אוּן אִיז נֶעבֶּעךְ דָארְט אַוֶועק], דֶער עוֹשֶׁר פְרֶעגְט אִים: "פַאר וֶועמֶען גֵייסְטוּ?! פַאר הָרַב שִׁיק?! – עֶר רֶעדְט עֶנְק סְתַּם אַיין אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעזִיצְן נֶעבְּן אִים אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: 'בִּיז אַ מִילְיָאן דָאלֶער בָּארְג אִיךְ דִיר אָן עֲרֵבִים, פוּן אַ מִילְיָאן דָאלֶער אוּן וַוייטֶער בָּארְג אִיךְ דִיר מִיט עֲרֵבִים!'"

דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אַזַא גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, אַז וֶוען עֶר זִיצְט נֶעבְּן אַן עוֹשֶׁר אִיז עֶר רַייכֶער פוּנֶעם עוֹשֶׁר, עֶס גִיסְט זִיךְ בַּיי אִים מִילְיָאנֶען...

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין נָאךְ גֶעלְט, דַארְף עֶר נִישְׁט וֶוערְן אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, גֵיי מִיט אַ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, וֵויין נִישְׁט פַאר מֶענְטְשְׁן, גֵיי אַרוּם מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זָאג אַז דוּ מַאכְסְט חֲתוּנָה.

## זוּכְט אַ פְּלַאץ וואו דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה

שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ וַוייטֶער: וְתַמְשִׁיךְ עַל עַצְמְךָ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, זוּכְט דִיר אַ פְּלַאץ וואו דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַד שֶׁתִּזְכֶּה לְהַרְגִּישׁ עַל עַצְמְךָ תָּמִיד נֹעַם, אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן, נוֹעַם, דָאס זִיסְקֵייט, עֲרֵבוּת, דָאס גֶעשְׁמַאקְקֵייט, יְדִידוּת, זִיו, חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְשׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם לֹא יוּכַל לִשְׁבֹּר אוֹתְךָ, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן, וְכָל זֶה תְּקַבֵּל אֵצֶל זֶה מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיָּכוֹל לַחֲזֹר וּלְבָאֵר הֵיטֵב הֵיטֵב אֶת תּוֹרוֹת רַבֵּינוּ זַ"ל.

מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט אוּנְז: וְתִבְרַח מְאֹד מְאֹד מִכָּל מִינֵי שַׁקְרָנִים, וּצְבוּעִים וּמְפוֹלִיטִיקָה שֶׁל שֶׁקֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע פָּאפֶּערְס אוּן פָּאלִיטִיק, כִּי הַכֹּל הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ, וַוייל אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, הַדְבֵּק אֶת עַצְמְךָ רַק אֶל יְרֵאִים אֲמִתִּיִּים, דְרֵיי זִיךְ נָאר מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, וְתַעֲשֶׂה אֶת עַצְמְךָ כְּאַסְקֻפָּה הַנִּדְרֶסֶת, וּתְקַבֵּל דִּבּוּרֵיהֶם בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, נֶעם אָן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

וְהָעִקָּר שֶׁתּוֹצִיא לְעַצְמְךָ עֵצוֹת נוֹרָאוֹת וְנִפְלָאוֹת, אֵיךְ שֶׁתַּתְחִיל מֵהַשָּׁנָה לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר, וְאָז נָכוֹן יִהְיֶה לִבְּךָ וּבָטוּחַ, שֶׁבְּוַדַּאי תְּקַבֵּל הִתְחַזְּקוּת וְהִתְעוֹרְרוּת כָּזוֹ שֶׁתִּשָּׁאֵר אֶצְלְךָ הָרְשִׁימוּ לְכָל הַשָּׁנָה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען מִיט צוּ נֶעמֶען פוּן זַיינֶע דִיבּוּרִים עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ זִין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַ גַאנְץ יָאר.

## איך האב שוין אן אדרעס וואו צו גיין

לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ קְלָארֶע חֶשְׁבּוֹן: אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ פָּאר שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, וָואס נֶעם אִיךְ מִיט פוּנֶעם רֶבִּי'ן? – אִיךְ גֵיי זִיךְ אָנְהֵייבְּן מְחַיֶּה זַיין מִיט מַיין תְּפִילִין, מִיט מַיין צִיצִית, אוּן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ גֵיי זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַן אַדְרֶעס וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ גֵיי נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר פּוּרִים אַ מַעֲשֶׂה בַּיי מוֹהֲרָא"ש, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה: "אִיר וֶועט זֶען, דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס וֶועלְן זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים, וֶועט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז זֵיי וֶועלְן אַרוּמְגֵיין נָאר אַ קוּרְצֶע צַייט נָאךְ גֶעלְט אוּן זֵיי וֶועלְן מַאכְן מֶער גֶעלְט וִוי דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן אַ גַאנְצְן טָאג אַרוּם נָאךְ גֶעלְט".

וְכַךְ הֲוָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען פִּלְאֵי פְּלָאִים, אַפָּאר בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ תְּהִלִּים, אִיז אֵיין בָּחוּר גֶעגַאנְגֶען קְלַאפְּן בַּיי אַ טִיר נָאךְ גֶעלְט אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אוֹיפְ'ן פְּלַאץ טוֹיזְנְט דָאלֶער! אִיז עֶר שְׁנֶעל צוּרִיק גֶעלָאפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאגְן פַאר אַלֶע בָּחוּרִים פוּן דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אַלֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן אַלֶע הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם זֶעלְבְּן סְכוּם פוּן טוֹיזְנְט דָאלֶער!

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַן אַדְרֶעס וואוּ מֶען טֵיילְט גֶעלְט, נָאר אִין זְכוּת וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אַדְרֶעס גֶעהָאלְפְן.

## געב זיך אכטונג פון לצים

פִּירְט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיס: וְאַל יֵקַל בְּעֵינֶיךָ דָּבָר זֶה, כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁמִּתְקַבְּצִים יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, מִתְחַבְּרִים אֲלֵיהֶם גַּם שְׁלוּחֵי הַסָּמֶךְ-מֵ"ם, יֶעדֶע פְּלַאץ וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם עֶרְלִיכֶע אִידְן, קוּמֶען אוֹיךְ אַהִין דִי שְׁלוּחִים פוּנֶעם סָמֶךְ-מֵ"ם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (בְּרָכוֹת ו:): הַאי דּוֹחְקָא דְּהָוֵה בְּכַלָּא מִינַיְיהוּ, כִּי הֵם תָּמִיד נִמְצָאִים שָׁם, הָנֵי בִּרְכֵּי דְּשָׁלְהֵי מִינַיְיהוּ הוּא, כִּי הֵם אֲשֶׁר שׁוֹבְרִים אֶת הָאָדָם, וּמַחֲלִישִׁים דַּעְתּוֹ, וְהִנְּהוּ מָאנֵי דְּרַבָּנָן דְּבָלוּ מֵחוּפְיָא דִידְהוּ, כָּל הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁבָּאִים בֵּין הַתַּלְמִידִים עַד שֶׁמִּתְקָרְעִים מַלְבּוּשֵׁיהֶם, הַכֹּל מֵהַסִּטְרָא אַחֲרָא שְׁלוּחֵי הַסָּמֶךְ-מֵ"ם, שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לִסְבֹּל לִרְאוֹת, אֵיךְ שֶׁיֵּשׁ קִבּוּץ נִפְלָא הָרוֹצִים וַחֲפֵצִים רַק אֶת הַתַּכְלִית הַנִּצְחִית, דִי אַלֶע שְׁטִיפֶּענִישׁ, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק, אִיז פוּן דֶער סִטְרָא אַחֲרָא וָואס קֶען נִישְׁט צוּקוּקְן וִוי אַזַא הֶערְלִיכֶע

חַבּוּרָה דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת; וְעַל־כֵּן רְאֵה, אֲהוּבִי, בְּנִי, מַה לְּפָנֶיךָ, וְתִבְרַח מִכָּל מִינֵי לֵצִים, שׁוּעָלִים קְטַנִּים מְחַבְּלִים בַּכְּרָמִים, וּתְחַפֵּשׂ רַק אַחַר הַתַּכְלִית הָאֲמִתִּית, אַחַר הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, שֶׁמְּאֹד מְאֹד הִזְהִירָנוּ לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ אַחַר הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ (לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח), וְלָכֵן רְאֵה, אֲהוּבִי, בְּנִי הַיָּקָר, לִבְרֹחַ מִכָּל אֵלֶּה הַלֵּיצָנִים הַמִּסְתּוֹבְבִים בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, דֶערְפַאר, מַיין לִיבֶּער זוּן, אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע מִינֵי לֵצִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וְתָרוּץ וְתִבְרַח רַק אֶל קִבּוּץ רְצִינִי, שֶׁאֵינָם חָפְצִים בְּשׁוּם הֶבֶל מֵהַבְלֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, וְכָל מְגַמָּתָם הִיא רַק תּוֹרָה וּתְפִלָּה וַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּלְגַלּוֹת וּלְפַרְסֵם אֶת דַּעַת רַבֵּנוּ ז"ל בָּעוֹלָם, וּלְהָפִיץ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בֵּין עַם יִשְׂרָאֵל, רַק בֵּינֵיהֶם תִּסְתּוֹבֵב עַכְשָׁו בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְכֵן כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּ אַן עֶרְנְסְטֶער קִיבּוּץ וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אִיז נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה, עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - נָאר צְוִוישְׁן זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ דְרֵייעֶן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אַ גַאנְץ יָאר, וְאָז דַיְקָא תַּצְלִיחַ דַּרְכְּךָ תָּמִיד, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין שְׁטֶענְדִיג.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא טַאטֶע'ס וָואס אַ גַאנְצֶע וָואךְ זֶעעֶן זֵיי נִישְׁט דִי קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ שַׁבָּת וֶוען מֶען זֶעט שׁוֹין יָא דִי קִינְדֶער - וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז פוּן זֵיי אוּן מֶען צֶעבְּרֶעכְט הֶענְגֶערְס אוֹיף זֵיי רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען דַארְף שׁוֹין שְׁלָאגְן קֶען מֶען גֶעבְּן אַ קְלֵיין פֶּעטְשֶׁעלֶע, אָבֶּער נִישְׁט נֶעמֶען אַ הֶענְגֶער אוּן הַאקְן, אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי, פִיר, פִינְף, זֶעקְס, זִיבְּן, אַכְט, נַיין, צֶען... וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן?! מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען 'רֶעדְן' צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): 'מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה', וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, גֶעבּ מִיר אַבִּיסָל שֵׂכֶל".

אַ מֶענְטְשׁ וָואס צֶעבְּרֶעכְט הֶענְגֶערְס אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, מוּז זַיין עֶפֶּעס גֵייט פָּאר מִיט אִים, זִיכֶער מַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִשְׁנָיוֹת אוּן עֶפְּנְט נִישְׁט קַיין גְּמָרָא!

## אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען פוּן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבּ אַזַא שֵׁיינֶע פְּלַאץ 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס עֶפְּנְט זִיךְ אוֹיף בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים אִין יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק, בֵּית שֶׁמֶשׁ,

טְבֶרְיָה, בְּרַאכְפֶעלְד און צְפַת.

אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ רֶעדְט מֶען פון זַאכְן וָואס זֶענֶען לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, מֶען דֶערְצֵיילְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מַעֲשִׂיוֹת פון תְּפִלָּה. אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פון תְּפִלָּה; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן און אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ זָאלְן אָנְקוּמֶען און מַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען דַאוְונֶען פַאר'ן עָמוּד, אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין הֵייזֶערִיג, און אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דַאוְונֶען פַאר'ן עָמוּד, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְקִילְט און אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוָוארְן פַארְקִילְט.

דָאס דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶער פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ וואוּנְדֶערְן: 'וַואוּוּ! מֶען קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזֶעלְכֶע פְּשׁוּט'ֶע זַאכְן?!' - יָא! דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט!

## זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן

מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב, און מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען אִיבֶּער בֶּעטְן מִיט דִי וַוייבּ, טַאטֶע און שְׁוֶוער - עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם אֲפִילוּ אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן וֶוען זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם כִּיפּוּר, אַזוֹי בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער אוֹיף אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט וֶועגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה". עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר וֶוערְט אַזַא עֶרְנְסְטֶע צַייט אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס וָואלְטְן דִיר גֶע'רוֹדְפְּ'ט אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן, וֶועלְן זֵיי דִיר כָאטְשׁ צוּרִיק וואוּנְטְשְׁן מִיטְ'ן שְׁפִּיץ פִינְגֶער, הֶעכְסְטְנְס וֶועט מֶען דִיר אָנְוואוּנְטְשְׁן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֱמֶת'ן וֶועג"...

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען "נָאר 'אִיךְ' הָאבּ מְנִיעוֹת, אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְנִיעוֹת", עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט מְנִיעוֹת.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'ע מַאמֶע תִּחְיֶ', זִי פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: "אִיךְ וֵוייס און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", זִי פְלֶעגְט אוֹיסְזָאגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פַאר מִיר, מֶען קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז אִיךְ זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ הָאבּ אִיר אַלְץ גֶעזָאגְט מִיט

דֶּרֶךְ אֶרֶץ: ״מַאמֶע, וָואס ווִיל אִיךְ? אִיךְ ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַיינֶע טְרֶערְן בְּרֶענְגֶען מִיר קַיין אוּמַאן, אַזוֹי וֶועל אִיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״.

## אַכְטוּנג גֶעבְּן אוֹיף ׳כִּיבּוּד אָב וָאֵם׳

אַז מֶען רֶעדְט פוּן מְנִיעוֹת פוּן מִשְׁפָּחָה דַארְף מֶען וויסְן אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן ׳כִּיבּוּד אָב וָאֵם׳, דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְבָרִים כז, טז): ״אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ״, פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס שֶׁעלְט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲרֵדִים (סֵפֶר חֲרֵדִים פֶּרֶק ט, סִימָן לה): ״**אֲפִילוּ מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן עֶלְטֶערְן בְּלוֹיז בְּמַחְשָׁבָה, מֶען אִיז מְזַלְזֵל בְּלוֹיז בְּמַחְשָׁבָה, אִיז מֶען שׁוֹין אוֹיךְ פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**״; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיךְ אִין הַארְץ טְרַאכְטְן גוּט אוֹיף זַיין טַאטֶע מַאמֶע, עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אָבֶּער אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין מֶען זָאל אֱמֶת׳דִיג הַאלְטְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶוער זֵיי זָאלְן זַיין, דָאס אִיז מַיין טַאטֶע מַאמֶע!

מוֹהֲרָא״שׁ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט: ״מֶען הָאט מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מַכּוֹת רֶצַח אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן״, ״מֶען הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אַ בְּרֶעט אוֹיף מִיר אוּן מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן דֶערוֹיף, מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט נָאר אוֹיב אִיךְ זָאג צוּ אִיךְ לָאז אָפּ בְּרֶסְלֶב וֶועט מֶען אוֹיפְהֶערְן טַאנְצְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אִיר קֶענְט טוּן מִיט מִיר וָואס אִיר ווִילְט, אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן!״ אוֹיךְ אִיז בַּאקַאנְט אַז אֵיינְמָאל הָאבְּן מוֹהֲרָא״שׁ׳ס עֶלְטֶערְן אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אִין פַּארְק, אִין דִי בְּרָאנְקְס וואוּ מוֹהֲרָא״שׁ׳ס עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען, אָבֶּער הַיינְט אַז אַ אִידִישׁ בָּחוּר שְׁלָאפְט בַּיינַאכְט אִין פַּארְק ווֵייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ עֶר בְּלַייבְּט לֶעבְּן, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אִין אַ זוּ צְווִישְׁן ווִילְדֶע חַיּוֹת, - מוֹהֲרָא״שׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְט בְּרַבִּים מַעֲשִׂיּוֹת וָואס קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיס קוּמֶען אַ זִלְזוּל אוֹיף זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן אִים מוֹנֵעַ גֶעוֶוען פוּן זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער, אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן גֶעשְׁלָאגְן, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְט בִּכְלָלִיּוּת, צוּלִיבּ זְהִירוּת אִין מִצְוַת ׳כִּיבּוּד אָב וָאֵם׳.

אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת, מֶען אִיז וַוייטֶער מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן דְרֵייְדט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער צוּם גוּטְן! אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט מוֹהֲרָא״שׁ, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק קנ״ט, מִכְתָּב ג׳ תתסג) פַאר עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשס״ד, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק, עֶס אִיז גֶעוֶוען פִינְף טֶעג פַאר זַיין פְּטִירָה, הָאט זַיין טַאטֶע גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ עֶר זָאל זָאגְן פַאר אִים דֶעם ׳תִּיקּוּן הַכְּלָלִי׳ אִין אוּמַאן, אוּן עֶר זָאל זָאגְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶס זָאל וֶוערְן פַארְרֶעכְנְט כְּאִילּוּ עֶר

האָט עֶס גֶעזָאגְט!

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, מִיט טַאטֶע מַאמֶע טַעֲנָה׳ט מֶען נִישְׁט, מֶען זָאגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאר עֶלְטֶערְן וָואס צוּ טוּן, אֲפִילוּ אַ פֶּעטֶער רוּפְט אָן אוּן זָאגְט: ״דוּ דַארְפְּסְט זָאגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶעבְן״.

אַז מֶען רוּפְט דִיר צוּ קוּמֶען צוּ אַן אֲסִיפָה וואוּ מֶען גֵייט רֶעדְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען שְׁטֶעלְן דַיין טַאטֶע מַאמֶע אוֹיף דִי פִּיס, מֶען זָאל אִים אַיינְטֵיילְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן, פְרֶעג: ״וואוּ גֵייט זַיין דִי אֲסִיפָה אוּן וֶוען וֶועט זַיין דִי אֲסִיפָה?״ - זֵייעֶר גוּט יֶעצְט וֵוייס אִיךְ וואוּ נִישְׁט צוּ גֵיין! מָארְגְן וֶועסְטוּ זָאגְן: ״אוֹי, אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֲסִיפָה״. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּערְגֶער אוּן אָרֶעמַאן (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י) אַז דִי טָאכְטֶער פוּן דִי קֵיסָר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם רוֹצֵחַ, אוּן וֶוען דֶער רוֹצֵחַ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִיר, הָאט זִי נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, זִי הָאט גֶעטְרַאכְט: ׳אוֹיבּ וֶועט עֶר מִיר נִישְׁט טְרֶעפְן אִיז דָאךְ גוּט, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר מִיר יָא טְרֶעפְן, וֶועל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט וִוי עֶר רוּפְט מִיר!׳

אַז עֶלְטֶערְן פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן, קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: ״אִיךְ ׳טְרַאכְט אֶפְשָׁר׳ אַזוֹי״, אוּן טַאטֶע מַאמֶע זָאלְן מַחְלִיט זַיין. מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: ״עֶטְץ ׳דַארְפְּטְס׳ מַאכְן אַזוֹי!״

אוֹיבּ עֶלְטֶערְן הַאלְטְן פָּאר וֶועגְן אוּמַאן, וֶועגְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קֶען מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען הֶערְט אוֹיס מִיט הַכְנָעָה אוּן מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל, אוֹיבּ דֶער טַאטֶע ווִיל מֶען זָאל עֶנְטְפֶערְן, עֶר שְׁרֵייט: ״דוּ עֶנְטְפֶערְסְט מִיר נִישְׁט!״ קֶען מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטִיל, זָאגְט מֶען: ״וָואס זָאל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן?״ אַז עֶר שְׁרֵייט: ״זָאג מִיר צִי אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט?!״ דַארְף מֶען עֶנְטְפֶערְן: ״טַאטִי אִיז גֶערֶעכְט!״ נָאכְדֶעם טוּט מֶען וַוייטֶער וָואס מֶען הָאט צוּטוּן.

## אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַהֵיים צוּ גֵיין פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט פְרִישֶׁע גוּטֶע זַאכְן, מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, מִיט תְּפִילִין, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט שַׁבָּת, זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי דִי סְעוּדוֹת אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת. אוֹיךְ דַארְף מֶען אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט. לֵיידֶער זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לוֹיפְן נָאךְ קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶערְפוּן וֵוייסְט מֶען נִישְׁט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן זֵיי, בַּאלְד גֵייט עֶר וֶוערְן אַ קָרְבָּן, עֶר גֵייט וֶוערְן אַ גֶע׳שָׁחְט׳עֶנֶער.

זָאג פַאר דַיינֶע קִינְדֶער: ״עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט;

קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט צוּרִירְן וְכוּ׳ אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל דִיר אָנְכַאפְּן וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן". מַאךְ עֶס נִישְׁט נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, אָבֶער רֶעד צוּ אִים עֶר זָאל עֶס פַארְשְׁטֵיין, גֶעבּ אִים לֶעבְּן!

## גֵיי צוּ אַ רֶבִּי וָואס טֵיילְט הַייזֶער, גֶעלְט אוּן שֶׁפַע...

לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ הָאבְּן שִׁיעוּרִים אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא אוּן אִין רֶבִּינ׳ס סְפָרִים, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ זִיס יָאר.

מִיר וֶועלְן עֶנְדִיגְן מִיט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה (עַיֵּין סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה, שִׂיחוֹת וְהִתְחַזְּקוּת, אוֹת מו), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר וָואס פְלֶעגְט פַארְקוֹיפְן וֶועגֶענֶער. רֶעדֶער דַארְף מֶען בַּאשְׁמִירְן מִיט אוֹיל עֶס זָאל זִיךְ קֶענֶען גוּט דְרֵייעֶן, אִיז וֶוער עֶס הָאט גֶעקוֹיפְט בַּיי אִים אַ וָואגְן הָאט עֶר עֶס אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט אוֹיל. קוּמְט אֵיינֶער צוּ דֶעם סוֹחֵר, עֶר קְלַאפְּט אַרַיין אוּן פְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר ר׳ אִיד, אִיר קֶענְט מִיר פַארְקוֹיפְן אַבִּיסְל אוֹיל פַאר מַיין וָואגְן?" עֶנְטְפֶערְט דֶער סוֹחֵר: "אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין אוֹיל סוֹחֵר", פְרֶעגְט יֶענֶער צוּרִיק: "וָואס הֵייסְט דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין אוֹיל סוֹחֵר?! אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען בַּיי אַייךְ אַ גוּטֶע אוֹיל!" דֶער סוֹחֵר וואוּנְדֶערְט זִיךְ: "וָואס? בַּיי מִיר אוֹיל? פַאר וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אוֹיל?!" יֶענֶער זָאגְט אִים דֶעם נָאמֶען, זָאגְט דֶער סוֹחֵר: "אָהָ, עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט בַּיי מִיר אַ וָואגְן הָאבּ אִיךְ אִים שׁוֹין אָנְגֶעשְׁמִירְט זַיינֶע רֶעדֶער, אָבֶער אִיךְ פַארְקוֹיף נִישְׁט קַיין אוֹיל!" [לוֹיט׳ן הַיינְטִיגְן מְצִיאוּת דֶערְצֵיילְט מֶען דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַ קַאר דִילֶער, וָואס פִילְט אָן דֶעם קַאר מִיט גֶעז, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים קוֹיפְן גֶעז אַלֵיינְס].

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט צוּ דֶעם אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף פַּרְנָסָה: "אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין רֶבִּי וָואס גֶעבְּט בְּרָכוֹת, אִיךְ גֶעבּ פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים אֱמוּנָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה, מֶען מוּז הָאבְּן גֶעלְט, נַחַת אוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, שְׁמִיר אִיךְ זֵיי שׁוֹין אָן דִי אַלֶע זַאכְן, אָבֶער אַז דוּ דַארְפְסְט פַּרְנָסָה אוּן דוּ זוּכְסְט אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט 'פַּרְנָסָה' דַארְפְסְטוּ גֵיין צוּ אַ רֶבִּי וָואס טֵיילְט פַּרְנָסָה, גֵיי צוּ אַ רֶבִּי וָואס טֵיילְט הַייזֶער, גֶעלְט אוּן שֶׁפַע".

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם, דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם - אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אֲפִילוּ אִיךְ פַאל אַרָאפּ, וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ.

## אִיךְ קוּם קוֹיפְן אַ וָואגְן

בַּיי מִיר אִיז קְלָאר, יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן אוּן וֵויינְט בַּיים

רֶבִּינְ'ס צִיּוֹן, קוּמְט עֶר נָאר צוּלִיבּ אֵיין סִיבָּה, צוּ פַארְעֶכְטְן זַיינֶע מַעֲשִׂים, דֶער רֶבִּי זָאל אִים מְתַקֵּן זַיין, אַוַודַאי אַז עֶר אִיז שׁוֹין דָא, בֶּעט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת, פַאר קִינְדֶער, פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר גֶעזוּנְט, אָבֶּער פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען קוֹיפְן אוֹיל, אִיךְ קוּם קוֹיפְן אַ וָואגְן, אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מֶען דַארְף עֶס שׁוֹין אוֹיךְ אָנְשְׁמִירְן.

ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה? - אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! וָואס צוּ רֶעדְן - אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק. אַ קִינְד בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ לַאלִי, אַ קֶענְדִי, אַ קַארֶעלֶע, אַ וַואסֶער גָאן אוּן אַנְדֶערֶע שְׁפִּילְצֵייג, אוּן טַאטֶע'ס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ קַאר, אַ הוֹיז אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מִיט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דִי אֱמוּנָה שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, ווַייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קוּמְט אוֹיס אַז מִיט יֶעדֶעס וָוארְט מַאכְט מֶען שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס.

## מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַלְץ נָאכְזָאגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק א׳) אַז דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז 'דִינָא קַשְׁיָא', אוּן דִי צְוֵוייטֶע טָאג אִיז שׁוֹין 'דִינָא רַפְיָא', עֶס וֶוערְט שׁוֹין גְרִינְגֶער. מֶען דַארְף אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט, מָארְגְן אִין אַזָא צַייט גְרֵייט מֶען זִיךְ שׁוֹין אַהֵיים צוּ גֵיין.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן גְלַייךְ נָאךְ דִי סְעוּדָה, עֶרְשְׁטְנְס, ווַייל מֶען דַארְף זִיךְ נָאךְ אוֹיסְרוּעֶן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה, צְוֵוייטְנְס, אַזוֹי אִיז עֶס מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי הֲלָכָה, עֶס אִיז אַ גַאנְצֶע שְׁאֵלָה אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּייטָאג (עַיֵּין בַּ"ח אוֹרַח חַיִּים סוֹף סִימָן תקצז, בְּשֵׁם הַיְּרוּשַׁלְמִי), עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וָואס דָא טוּט זִיךְ פִּיר דְרַייסִיג פַארְטָאגְס, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מַשְׁגִּיחַ וָואס צֵייכְנְט: "דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען? - אוֹיבּ נִישְׁט, זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶע יְשִׁיבָה..." אַלֶע - יוּנְג אוּן אַלְט - שְׁטֵייעֶן אוֹיף פַארְטָאגְס מֶען לֶערְנְט צוּזַאמֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

## דִי גַאנְצֶע שְׁלָאף – 'עֲבוֹדַת הַשֵּׁם'

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער. אַז מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁלָאף אַן

׳עֲבוֹדַת הַשֵּׁם׳! - ״וָואס הֵייסְט? מֶען מֶעג עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן ראֹשׁ הַשָּׁנָה?״ - יָא! אַז מֶען טוּט עֶס אוֹיף דִי תּוֹרָה׳דִיגֶע וֶועג, אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁלָאפְן אַן הֵיילִיגֶער שְׁלָאף. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ דוּ רֶעדְסְט אוּנְטֶערְ׳ן דֶעק אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁלָאף אַן הֵיילִיגֶע שְׁלָאף!

אִינְדֶערְפְרִי וֶועט מֶען אַרוֹיפְגֵיין צוּם צִיוֹן, מֶען וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פּוֹעֵלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס, אָמֵן.

# דְּרָשַׁת תְּקִיעַת שׁוֹפָר יוֹם ב' דְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, בְּעִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בִּימָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת: מוֹרַי וְרַבּוֹתַי! מִיר גֵייעֶן יֶעצְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת אֱמוֹר, דַף צח:): בְּשָׁעַת אִידִישֶׁע קִינְדֶער נֶעמֶען דֶעם שׁוֹפָר אִין דִי הַאנְט אוּן זֵיי בְּלָאזְן דִי תְּקִיעוֹת, שְׁטֶעלְט זִיךְ כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף פוּן זַיין כִּסֵּא הַדִין אוּן זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוֹיפְ'ן כִּסֵּא רַחֲמִים, אַלֶע מְקַטְרְגִים וָואס פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן.

יֶעצְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, לָאמִיר נִישְׁט פַארְפַאסְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן, לָאמִיר עֶס אוֹיסְנִיצְן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּט יָאר.

## טַאטֶע! טַאטֶע!

עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים אַ מָשָׁל, עֶ אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, זֶענֶען גֶעקוּמֶען רוֹיבֶּערְ'ס אוּן פַארְכַאפְּט דֶעם בֵּן יָחִיד. אֵיין טָאג אִין יָאר פְלֶעגְט דֶער קֶענִיג שְׁפַּאצִירְן אַרוּם דִי שְׁטָאט גֵיין כַאפְּן חַיוֹת, פוּנְקְט דֶעמָאלְט הָאט דֶער קִינְד גֶעזֶעהְן זַיין טַאטֶע פוּן דֶערְוַוייטְנְס הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: "טַאטֶע! טַאטֶע!" דִי רוֹיבֶּערְ'ס הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דֶער קִינְד אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין טַאטֶע'ן.

זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרָאפּ צוּ אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ צְוִוישְׁן אוּנְז, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעפַאלְן, עֶר טוּט אַ גַאנְץ יָאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוֹיבּ וֶועט עֶר גֶעבְּן אַ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין אֶמֶת'עֶ וָוארְט: "טַאטֶע! טַאטֶע! טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד! טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ! טַאטֶע אִיךְ ווִיל דַאוְוענֶען! טַאטֶע אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען! טַאטֶע אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת!" אַנְטְלוֹיפְן אַלֶע רוֹיבֶּער'ס, אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס הָאבְּן אִים פַארְכַאפְּט, עֶר קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חָבֵר, אוֹיף אוּנְזֶער פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ, אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז אִידִישׁ - רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז עֶנְגְלִישׁ - רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אַזוֹי רֶעדְט יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט! טַאטֶע, אִיךְ גֵיי זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד! טַאטֶע, עֶס קוּמְט אַ נַייעֶ יָאר אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווּאוּיל!"

## זיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן!

מִיר ווֶעלְן נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן וָואס מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶערֶעדְט פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר, וָואס מִיר הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט בֶּעטְן פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר מֶען זָאל זִיךְ מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן! מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מֶען זָאל זַיין בְּאַחְדוּת, מִיר זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי אַ טַאטֶע הָאט אַסַאךְ צַעַר ווֶען עֶר זֶעט ווִי זַיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַסַאךְ צַעַר ווֶען עֶר זֶעט ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן. יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן זַיין הִתְחַזְקוּת, זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן.

לָאמִיר זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן לָאמִיר זִיךְ מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. לָאמִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּם נַייעֶם יָאר אַז מִיר גֵייעֶן נִישְׁט הֶערְן קַיין לָשׁוֹן הָרָע, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען גֵייט נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען גֵייט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, מֶען גֵייט זוּכְן וואוּ מֶען קֶען טוּן גוּטֶע זַאכְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, וואוּ מֶען קֶען גֶעבְּן חִיזוּק, אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אַ חֶסֶד פַאר אַ צְוֵוייטְן – וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן חֶסֶד מִיט אוּנְז, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): **"בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ"**, ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים. אַז מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ טוּן חֶסֶד מִיט אוּנְז, אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּטֶע יָאר אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען נִישְׁט רָאוּי.

לָאמִיר אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע צַייט, דָאס בִּיסְל צַייט וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ בַּיים רֶבִּי'ן, לָאמִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אָמֵן.

# דְּרָשַׁת נְעִילַת הֶחָג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, בְּעִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּמַאן יע"א.

## פְּרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: גְעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נָאךְ אַ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז אַזַא שִׂמְחָה! דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְּרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

עֶס אִיז דָא בְּרִיוְון אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דִי תְּשׁוּבָה אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ עֶפֶּעס בַּאקְלָאגְט אוֹיף זֵייעֶר לֶעבְּן, שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש: "אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן - דַארְפְסְטוּ שׁוֹין זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ!" מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָאס נִישְׁט גְלַייךְ מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען הָאלְט שׁוֹין אִינְמִיטְן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט נָאכְאַלְץ: "פְּרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה!"

דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?!" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דִי תַּעֲנִיתִים וָואס מֶען מוּז פַאסְטְן עַל פִּי הֲלָכָה, ווִי יוֹם כִּפּוּר, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב, (צוּם גְדַלְיָ' אוֹיב מֶען אִיז אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, זָאל מֶען פְרֶעגְן אַ דַיָּין בְּנוֹגֵעַ פַאסְטְן), מֶען רֶעדְט פוּן תַּעֲנִיתִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל פַאסְטְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס כְּדֵי צוּ פַארֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט אַז אוֹיף יֶעדֶע מָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דַארְף עֶר פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים, זָאגְט דֶער רֶבִּי וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן.

## וָואס דַארְף מֶען פַאסְטְן אוּן וָואס הֶעלְפְט פַאסְטְן?

פַארְוָואס דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט פַאסְטְן? וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ פוּן רֶבִּינ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה? - אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה שַׁיינְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה.

עֶס קֶען זַיין בִּשְׁעַת מֶען פָּארְט קַיין אוּמַאן אִיז מֶען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אַז מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן פוּן דֶעם, מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט עֶס צוּגְלַייכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּם דָאקְטֶער זִיךְ אַפֶּערִירְן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר דֶער דָאקְטֶער מַאכְט דִי אַפֶּערַאצְיֶע שְׁלֶעפְּט עֶר אִים אַיין, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, מֶען וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ בָּחוּר וָואס מֶען קֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אַ בָּאנְק בֶּעט, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיים גֵיין צוּרִיק צוּ מַיין גֶעהֶערִיגֶע בֶּעט מִיט מַיינֶע זַאכְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ הֵייס.. זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: דֶער רֶבִּי אִיז דִיר יֶעצְט מְתַקֵּן, דֶער רֶבִּי אַפֶּערִירְט דִיךְ יֶעצְט, וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ זֶען ווִי דוּ בִּיסְט אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען מֹשֶׁה וֶועלְוְול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע – אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט שְׁמוּץ, עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אֵיינֶער פוּן דִי בְּרֶעסְלֶב'עֶר חֲסִידִים גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: **"מֹשֶׁה וֶועלְוְול דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?"** הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים: **"וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרַייעֶסְט אוֹיף אִים 'וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא?' עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן".**

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ עֶס זָאלְן נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינְגַאנְצְן שְׁפוּי בְּדַעַת, ווַייל זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט - קֶען זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט מִישְׁן, מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַרוֹיס שִׁיקְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מֶען אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם אִיד מֹשֶׁה וֶועלְוְול אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶר דַאוֶוענְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ מִנְחָה מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת, הָאט מֶען גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי טוּישְׁט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֵייבְּט מֶען אָן צוּ בַּאקוּמֶען הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר, וָואס דַארְף מֶען פַאסְטְן אוּן וָואס הֶעלְפְט פַאסְטְן? דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז זַיין מֹחַ, דֶער מֹחַ דַארְף טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בַּאקוּמֶען מִיר פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

דֶעם לֶעצְטְן ראֹשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ׳ס לֶעבְּן - שְׁנַת תקע״א, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה תִּקְעוּ תוֹכָחָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח); בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דָאס דִי צַוָואָה פוּן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ אַן אֶמֶת׳עֶר צַדִיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן אָן אַ צַדִיק, הָאבְּן נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען אוֹיס מוֹרָא׳דִיג, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁטְרַיימְל, בֶּעקֶעטְשֶׁע, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אֱמוּנָה.

יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דַארְף מֶען אִיבֶּער חַזֶרְ׳ן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אַלֶץ רֶעדְן בַּיי דִי לֶעצְטֶע דְרָשָׁה, מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: מֶען דַארְף זִיךְ מִיט נֶעמֶען אַלֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי׳ן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

## עִיקַר הָעִקָּרִים פוּן רֶבִּי׳ן: תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

דֶער עִיקַר הָעִקָּרִים פוּן רֶבִּי׳ן אִיז: "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת". דָאס מֵיינְט ׳אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד׳, אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן הֶערְט צוּ וָואס אִיךְ רֶעד. פַאר אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ אַלֶץ נָאכְגֶעקוּקְט דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים, אִיךְ הָאבּ אַלֶץ גֶעוואוּסְט אַז עֶפֶּעס אֱמֶת הָאבְּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז זֵיי הָאבְּן עֶפֶּעס אַ סוֹד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז ׳אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ׳ בְּקוֹל צַדִּיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן ׳אֵינוֹ מְדַבֵּר׳, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, גֶעבְּט דֶער צַדִּיק אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא נֶעבְּן מִיר, דִי לִיפְּן עֶפֶּענֶען זִיךְ, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶר דְרֵייוְוט אַ קַאר, אָדֶער עֶר גֵייט אִין גַאס, מַאךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי לִיפְּן, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ".

מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אוּן

מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס עֶס טוֹיג נִישְׁט, זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל גֵיין דַאוֶונֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קְרִיג זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ ווִיל זַיין אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ".

מֶען רֶעדְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף כַּאפְּן דִי בָּאס, אִיךְ דַארְף כַּאפְּן דִי פְּלִיגֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע וֶועג, אִיךְ דַארְף יֶעצְט בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט ווִי זִיךְ אַהִין צוּ טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַלֶעס קֶענֶען בַּאצָאלְן".

"אָבֶּער תַּכְלִית גֶערֶעדְט, פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבּ גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב?" – בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז תַּכְלִית!

עֶס אִיז פַארְקֶערְט ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן גֶעלְט, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין פְּלַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין', אָבֶּער דֶער עִיקָר יְשׁוּעָה קוּמְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג, עֶר ווֵייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ זַיין יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ דַארְף אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף אוֹיסְשְׁטָאפִּירְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע", "הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ ווִיל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער".

דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.

## זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט קִיּוּם הַמִּצְוֹת

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַן עִיקָר; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ פֵּיאוֹת, אַ בָּארְד, אַ קַאפְּל, צִיצִית, תְּפִילִין, אִיךְ הִיט שַׁבָּת.

דָאס וָואס מֶען זֶעט לֵיידֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דַאוֶונֶען נִישְׁט אוּן טוּעֶן נִישְׁט אָן קַיין תְּפִילִין, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דִי זַאכְן זֶענֶען חָשׁוּב, מֶען הָאט אִים נָאר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז 'הוּנְדֶערְט בְּלַאט גְמָרָא' אִיז חָשׁוּב, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַ לַמְדָן' וָואס זָאל אִיךְ טוּן?! זָאג אִים ווִי חָשׁוּב עֶר אִיז מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת! דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן עִיקָר!

פְרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי',

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, ווִי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִיךְ בִּין, ווִי פַארְשְׁמִירְט אִיךְ בִּין, אִיךְ בִּין אַ פָּגוּם, אָבֶער אַ אִיד בִּין אִיךְ! אִיךְ בִּין גֶע׳מַל׳עֶט, אִיךְ גְלֵייב אִינֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן.

## מְחִילַת עֲווֹנוֹת דוּרְךְ אֱמוּנָה

אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן הָאט עֶר שׁוֹין מְחִילַת עֲווֹנוֹת! מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אִין יֶעדֶע בְּרִיוו, [פוּן הֶערְן מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים קֶען מֶען שׁוֹין ווֶערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ בָּקִי אִין אַלֶע רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים], ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): **״עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ״**, אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ ווָאס הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת, אָדֶער גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אָדֶער עֶר אִיז אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווֶעלְכֶע נָאמֶען מֶען ווֶעט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אִים, אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִים, עֶר זָאל גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער ווָאס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי ווֶעלְט אוּן עֶר פִירְט דִי ווֶעלְט, - אִיז אִים דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער שׁוֹין מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת!

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁנֶעלֶע תְּשׁוּבָה אָבֶער אַ שְׁוֶוערֶע, ווַייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלַן אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֲבֵירוֹת פַארְלֶעשְׁט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): **״הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם״**, עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט כְּפִירָה.

ווָאס אִיז יָא דִי עֵצָה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה? דִי עֵצָה אִיז צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מו) ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת, סְפֵקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוֹיפְ׳ן אֵייבֶערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶערְשְׁטֶער. אוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דָאס ווָארְט ׳קַשְׁיָא׳ אִיז (תְּהִלִּים כז, ז): ״שְׁ׳מַע ה׳ קוֹ׳לִי אֶ׳קְרָא״, אוֹיב מֶען הָאט קַשְׁיוֹת, זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין דִיר״.**

אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען אַ גֶעבֶּענְטְשֶׁער מֶענְטְשׁ! אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כח, כ): **״אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת״**. ווַייל אַפִילוּ עֶס טוּט מִיר ווֵיי, ווֵייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אִיךְ ווֶעל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט ווֵיי טוּן.

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס

מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ׳ן גַאנְצְן יָאר, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אוּן אַרַיין נֶעמֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ.

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַן עִיקָר

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פוּן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳ אַן עִיקָר!

אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער פַּאסְט נִישְׁט אַז אַ רֶבִּי זָאל רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער אִיז עֶס נָאר אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעמַאכְט פַאר טֶערֶעפִּיסְטְן צוּ רֶעדְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פַארְוָואס? ווַייל בַּיי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אוּן אַ רֵיינֶע מֹחַ קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת.

וָואס אִיז שָׁלוֹם בַּיִת? - מֶען דַארְף נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן דִי ווַייבּ! אוֹיבּ דִי ווַייבּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטֶעך אוּן עֶס בַּאדֶערְט ׳אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ מַאן?!׳ מוּזְטוּ אִיר גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, זָאג שְׁטִילֶערְהֵייט (תְּהִלִּים כה, יח): ״רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק מַיין פַּיין, קוּק מַיין צַעַר, וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי, אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד״ (אַגְרָא דְפִרְקָא, אוֹת קכד).

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ פוּן זִיךְ טַעֲנְה׳ן מִיט אַ ווַייבּ! - מִיט אַ חַבֵר אִיז אוֹיךְ אַ שָׁאד זִיךְ צוּ טַעֲנְה׳ן, אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט דִיר פְרֶעגְן: ״וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת?״ עֶנְטְפֶער נִישְׁט! אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט ׳אִיךְ וֶועל אוֹיפְוַויְיזְן מִיט קְלָארֶע רְאָיוֹת׳, זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם, ווַייל דִי עֶרְשְׁטֶע קַשְׁיָא וֶועסְטוּ נָאךְ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, דִי צְוֵוייטֶע אוֹיךְ, בַּיי דִי דְרִיטֶע וֶועט עֶר קוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע לֵיצָנוּת אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן מִיטְ׳ן צִינְג אִינְדְרוֹיסְן, אוּן דוּ אַלֵיינְס וֶועסְט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ טְרַאכְטְן ׳אֶפְשָׁר טַאקֶע?׳... אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת. קוּקְט גוּט, דִי אַלֶע וָואס וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער, זַיי מֵיינֶען אִיךְ וֶועל זִיךְ טַעֲנְה׳ן אוּן אוֹיפְוַויְיזְן, לָאזְן מִיט דִי צַייט אָפּ דֶעם רֶבִּי׳ן.

דֶערְפַאר אִיז מִיט אַ חַבֵר אוֹיךְ נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ טַעֲנְה׳ן, אִיךְ גֵיי ווַייטֶער צוּ מַיין חַיִּים טוֹבִים אוּן עֶר זָאל גֵיין וואוּ עֶר ווִיל. - אָבֶּער מִיט אַ ווַייבּ ׳טָאר מֶען נִישְׁט׳ זִיךְ טַעֲנְה׳ן, מֶען מֶעג זָאגְן דִי אֵייגֶענֶע דֵעָה אַז אִיךְ הַאלְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן אַז דִי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, אִיז נִישְׁט, זָאל זִי אַלֵיינְס שְׁפֶּעטֶער חֲרָטָה הָאבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט טַעֲנְה׳ן מִיט אִיר.

## נִישְׁט צוּ זַיין קַיין קַמְצָן אִינְדֶערְהֵיים

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ זַיין קַיין קַמְצָן אִינְדֶערְהֵיים.

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן גֶעבְּט עֶר אוֹיס גֶעלְט בְּרֶוַח; אַנְשְׁטָאט זִיךְ מַאכְן קַאוֶוע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בְּחִנָּם, קוֹיפְט עֶר זִיךְ קַאוֶוע אִין גֶעשֶׁעפְט, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן קוּקְן אוֹיף מִיר וִוי אִיךְ גֵיי אִין גַאס מִיט אַ קַאוֶוע אִין דִי הַאנְט... אַז מֶען רֶעכְנְט צוּזַאם וִויפִיל גֶעלְט עֶס קוּמְט אוֹיס דִי אַלֶע קַאוֶוע׳ס פוּן יֶעדְן טָאג, קוּמְט עֶס אָן צוּ אַ רִיזְן סְכוּם, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְן גֶעלְט פַאר זַיין וַוייבּ, וֶוען זִי וִויל זִיךְ עֶפֶּעס קוֹיפְן וְכַדוֹמֶה, שְׁפָּארְט עֶר זֵייעֶר אוּן רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיר: ״דוּ בֶּעטְסְט מִיר אֵייבִּיג נָאךְ גֶעלְט אוּן נָאךְ גֶעלְט! דוּ עֶסְט מִיר אוֹיף מַיין גֶעלְט!״

אוֹיף וָואס דַארְפְסְטוּ גֶעלְט? - עֶס אִיז נִישְׁט דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן מִיט גֶעלְט, אוֹיסֶער צוּ קֶענֶען גֶעבְן פַאר דִי וַוייבּ, זִי זָאל קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן פַאר אַ רוֹימֶערְקֶע זָאל אִיר הֶעלְפְן אוֹיפְרוֹימֶען דִי הוֹיז.

אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט זַיין אַ ׳קַמְצָן׳ מִיט׳ן מוֹיל; מֶען דַארְף גֶעבְן אַסַאךְ אֶמֶת׳עֶ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַ וַוייבּ: ״דוּ בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין״, ״דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט״, ״דוּ בִּיסְט אַזוֹי קְלוּג״, ״נָאךְ אַ מַזָל אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר חֲתוּנָה גֶעהַאט״, ״אִיךְ בִּין אַזוֹי דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִיר״, אוּן: ״אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דַארְפְן נָאכְאַמָאל מְגֻלְגָל וֶוערְן, וֶועל אִיךְ זִיךְ אַיינְבֶּעטְן אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְן מִיט דִיר״.

## נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל אַן עִיקָר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַהֵיים גֵיין מִיט נְקוּדוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען גֶעמַאכְט פוּן טָפֵל אַן עִיקָר; מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם גְרוּפֶּעס לֵיל שִׁשִּׁי אוּן מֶען פָּארְט צוּזַאמֶען אִין פֶעלְד מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ׳, צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן נב) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, ד): **״רַבִּי חֲנִינָא בֶּן חֲכִינַאי אוֹמֵר, הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְכוּ׳״** - מוֹרָא׳דִיגֶע סוֹדוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם גַאנְצְן מַאֲמָר אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת. ״הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה״, וֶוען מֶען אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי״, מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת בַּיינַאכְט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט. ״וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה״, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זַיינֶע זַאכְן נָאר עֶר לֵיידִיגְט אוֹיס זַיין הַארְץ, דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ קוּמֶען - ״הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ״, צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז אַ חִיּוּב הַמְּצִיאוּת.

מוֹהֲרָא״שׁ פְּלֶעגְט אַוֶועק מַאכְן

דאס וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם מִיט חֲבֵרִים און מֶען פָּארְט צוּזַאמֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז דָאס אִיז דָאס אַ שְׁפִּיל, דֶער שְׁרֵייט הוֹיךְ: "אוֹי!" קוּמְט דֶער צְווייטֶער און שְׁרֵייט נָאךְ הֶעכֶער, קוּמְט דֶער דְרִיטֶער און שְׁרֵייט נָאךְ הֶעכֶער, מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען בְּרֶעכְט צְוַוייגְן וְכוּ'. פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן דֶעם? וַויבַּאלְד מִיר וואוֹינֶען נִישְׁט צְווִישְׁן פֶעלְדֶער, און מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אוֹיף בַּיינַאכְט, אוֹיב וֶועט מֶען וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ צוּ גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, קוּמְט אוֹיס אַז אַ גַאנְצֶע וָואךְ מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וואוּ מֶען שְׁטֵייט און וואוּ מֶען גֵייט. וואוּ דוּ בִּיסְט רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּב, אִין קָאךְ, אָדֶער דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען און דוּ דֶערְמַאנְסְט זִיךְ אַ זַאךְ וָואס מוּטְשֶׁעט דִיר, זָאג גְלַייךְ מִיטְ'ן מוֹיל: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר**".

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיב מֶען קֶען יָא אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט און טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט - אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ דָאס אַוֶועק צוּ מַאכְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט טַאקֶע גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוֹינֶען אִין 'יַבְנִיאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב', אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דִי בֶּערְג און אוֹיף דִי פֶעלְדֶער פוּן יַבְנִיאֵל.

## אַ בָּארְד אִיז שֵׁיין! אַ בָּארְד אִיז זִיס!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַרַיין נֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת. מִיר הָאבְּן שוֹין נֶעכְטְן גֶערֶעדְט וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה, וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט זַיין שֵׂכֶל"; מֶען דַארְף דָאס חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער.

פַארְוָואס זָאלְן בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט זִיךְ צִיפְּן דִי בָּארְד, וִוי וֶועמֶען וִוילְסְטוּ אוֹיסְקוּקְן? וִוי אַ זִינְגֶער?! - וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה! אַ בָּארְד אִיז שֵׁיין! אַ בָּארְד אִיז זִיס!

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל

אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל! אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ צִיצִית! וָואס אִיךְ בִּין - בִּין אִיךְ, אָבֶּער צִיצִית הָאבּ אִיךְ! אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה, וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ קוּש אִיךְ דִי מְזוּזָה, און אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין הַיינְט**", וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קוּש אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי מְזוּזָה און אִיךְ זָאג: "**שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין**

אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם".

טֵייעֶרֶע טַאטֶע'ס; אַז איר הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְפְט איר רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, אַז די קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן, אַנְשְׁטָאט די קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן דַיין טַאטֶע שְׁרֵייט, רֶעדְט פָּאלִיטִיק, רֶעדְט קֶעגְן אַנְדֶערֶע, ווָאס דָאס איז די עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן, זָאלְן זֵיי הֶערְן ווי דוּ רֶעדְסְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

ווֶען מֶען קוּמְט צוּרִיק אַרַיין אִין שְׁטוּב מִיט די קִינְדֶער זָאגְט מֶען זֵיי: "לָאמִיר קוּשְׁן די מְזוּזָה אוּן זָאגְן 'שְׁכוֹחַ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען", נֶעם צוּזַאם דַיינֶע קִינְדֶער מַאךְ תְּפִלּוֹת צוּזַאמֶען מִיט זֵיי.

אוּן אוֹיב דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַיין זוּן וויל דִיר ווַייזְן זַיין שֵׁיינֶע שְׁפִּילְצֵייג ווָאס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, זָאג אִים: "טַאטִי קֶען נִישְׁט יֶעצְט קוּקְן, טַאטִי רֶעדְט יֶעצְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן!" אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין די קִינְדֶער אֱמוּנָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, ווֶעלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

נָאכְ'ן שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: "אַשְׁרֵינוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ, אוּמַאן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

כולל
היכל
הקודש

בנשיאות
הראש ישיבה
שליט"א

התודה והברכה
לידידינו היקר
ר' יעקב פיש הי"ו
שנדב סכום הגון לכולל